# צום פינטל

גליון נא

פרשת לך לך תשפ"ד

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים


## פרשה

## ישמעאל בן השפחה

### כי בנך המת ובני החי

די וואך שטייט אין די פרשה די מעשה פון 'הגר' מיט 'שרה'. הגר'ס זיך גרויסן אויף 'שרה', די טענה'דייען צווישן אברהם און שרה, הגר'ס אנטלויפן, דער מלאך'ס צוריק שיקן אז זי זאל זיך יא לאזן פייניגען אונטער שרה. מ'דארף פארשטיין וואס איז געווען די טענה'דיי צווישן אברהם און שרה, די טענות זענען דאך אויף הגר, זי האט מזלזל געווען אין שרה, וואס איז די טענות אויף אברהם. אויך וואס איז פשט אז 'הגר' זאל צוריק גיין און זיך לאזן פייניגען.

אלע ספרים הקדושים רעדן פון די מלחמה כללי צווישן יצחק און ישמעאל, וואס דאס שטייט נעקסטע וואך אין פרשה וירא, אבער דאס האט זיך שוין אנגעפאנגען אין אונזער פרשה מיט הגר און שרה. 'ותקל גברתה בעיניה', הגר האט זיך נישט סתם אזוי געגרויסט, נאר זי האט במיוחד געוואלט אראפ קלאפן שרה, זי האט געוואלט איבער נעמען שרה'ס פלאץ. ביז יעצט איז שרה געווען די 'גבירה', און הגר איז געווען די 'שפחה', יעצט האט זי זיך געוואלט איבער הייבן איבער איר, זי האט געוואלט ווערן די גבירה.

דער רבינו חננאל טייטשט 'חמסי עליך', שרה'ס טענה איז געווען צו אברהם 'האסט מיך באגזלט', הגר איז געווען מיין שפחה, איך האב איר געגעבן פאר דיר צו האבן קינדער, אבער פארוואס האסטו איר געמאכט אויס משועבדת, אויס שפחה, יעצט האט זי די חופצה זיך צו הייבן העכער מיר.

וואס מ'קען פון דעם פארשטיין ווי ווייט דאס וואלט געקענט גיין, אז 'הגר' זאל כמעט איבערנעמען די שטוב, זי זאל ווערן די עקרת הבית, זי האט דאך קינדער און שרה נישט, און ס'וואלט געקענט חס ושלום געשען אז זי זאל באמת ווערן העכער שרה, און אברהם וואלט נאך אפילו מיט געגאנגען מיט דעם.

אבער דער אייבישטער האט געהאלפן אז 'שרה אמינו' האט זיך צוזאמגענומען אירע כוחות, און געמאנט פון אברהם וואס ס'קומט זיך איר. און אברהם האט אנגענומען אירע טענות, 'הנה שפחתך בידך וגו'', ער האט מסכים געווען אז זי זאל פירן די זאך און צוריק שטעלן 'הגר' צו איר ערשטע פלאץ, זי זאל צוריק ווערן די דרגא פון א 'שפחה'.

> **אבער פארשטייט זיך אז דאס פאסט זיך בכלל נישט אויף די 'בני ישמעאל', די 'בני ישמעאל' זענען נאך געבליבן מיט זייער אלטע בארבארישקייט, מיט זייער אלטע 'טרודישינעל' רציחות און נידריגקייט, דער אייבישטער כביכול האט שוין געזאגט אז זיי וועלן זיין 'פראי אדם', דאס איז די מהות זייערע, און אפילו זיי זאלן וועלן קענען זיי עס נישט טוישן, ס'איז א גזירת עליון אויף זיי**

און 'שרה' האט טאקע גוט אונטערטעניגט 'הגר', זי האט געמאכט זוכער אז 'הגר' זאל זיך דערמאנען אז זי איז נאר א 'שפחה', אזש אז 'הגר' האט עס נישט אויסגעהאלטן און געמאכט 'פליטה'. זי האט געמיינט אז זי ווערט נאך גרעסער ווי 'שרה', און דא איז עס אדורך געפאלן, און זי איז צוריק געגאנגען צו די דרגא פון א 'שפחה', און נאך מער מושפל ווי פריער.

און דאס איז וואס דער 'מלאך' האט איר געזאגט, 'גיי צוריק און לאז דיך פייניגען'. פאר 'שרה' איז עס נישט אזוי גוט געלאנגען צו שטעלן 'הגר' צוריק אין פלאץ, אבער דער 'מלאך' האט געמאכט די דזשאב, דער מלאך האט איר געלאזט הערן קלארע דיבורים, 'והתעני תחת ידיה', דאן פלאץ איז צו זיין א 'שפחה', דאס איז וואס איז גוט פאר דיר. וועסטו זיך מכניע זיין, וועסטו באקומען די כבוד פון אברהם אבינו'ס שטוב, די וועסט ווערן א חלק פון זיין הייליגע שטוב, און אויך באקומען ברכה און שפע פון דארט, אבער ס'מוז זיין מיט הכנעה צו דיין אמת'ע פלאץ אלץ שפחה.

אין די פיוט פון די אבן עזרא 'צמאה נפשי לאלקים', וואס ווערט געזונגען אין פארשידענע הויפן מיט א שטארקע ברען, זינגט מען דארט 'ראה לגברת אמת, שפחה נואמת, לא כי בנך המת ובני החי', וואס דאס גייט ארויף אויף ישמעאל דער בן השפחה, אדער גאר אויף הגר אליינס, ווי זי האט די חוצפה צו טענה'ען אז ישמעאל איז דער יורש.

און דער אבן עזרא וויינט זיך אויס די הארץ צום אייבירשטן, הייליגע באשעפער 'ראה לגברת אמת', געב א קוק די חוצפה פון א 'שפחה', ווי זי קען טענה'טען אזא פרעכע ליגנט אין פנים אריין, ווי אנטקעגען דעם 'גברת אמת' קען זי זאגען אזא ליגנט אז זי איז גאר דער אמת'ער (והבן דהפלישתים שאמרו מאבימלך נתעברה שרה, ויצחק אינו היורש של אברהם, עומק דבריהם היא להתחבר להישמעאלים שיצחק אינו היורש אלא ישמעאל, והם הפאלסטינער שמתחברים עם ישמעאל נגד בני יצחק ויעקב).

### על פני כל אחיו נפל

סוף פרשת חי שרה שטייט אויף ישמעאל 'על פני כל אחיו נפל', און א אנדערע מאל שטייט 'על פני כל אחיו ישכון', זאגט רש"י אז ווען אברהם האט געלעבט איז געווען 'על פני כל אחיו ישכון', און ווען אברהם איז אוועק געגאנגען איז געווען 'על פני כל אחיו נפל'.

אין מדרש שטייט (ב"ר סב ה) א אנדערע

המשך בעמוד הבא

חילוק, ווילאנג ער האט נישט געטשעפט די בית המקדש, איז געווען 'על פני כל אחיו ישכון', און ווען ער האט געטשעפט די בית המקדש איז געווען 'על פני כל אחיו נפל'. ווילאנג ער איז געווען 'נכנע', ער האט אנערקענט זיין פלאץ אלץ דער 'בן השפחה', איז געווען 'ישכון', און ווען נישט איז געווען 'נפל'.

א 'שפחה' איז טאקע א נידריגע זאך, אבער ווען א שפחה איז בטל צו די שטוב פונעם 'בעל הבית', ווערט זי ווי א חלק פונעם שטוב, זי ווערט אויפגעהויבן מיט די כבוד פון די שטוב, מ'ווייסט אז זי איז דער געטרייער דינסט פונעם בעל הבית. אזוי ווי א ארבעטער מיט א 'בעל הבית', דער ארבעטער איז נידריגער, אבער אויב איז ער א געטריי, ער לעבט אריין אינעם קאמפעני, דאן באקומט ער די כבוד פונעם קאמפאני, ער הייבט זיך מיט די כבוד פון די קאמפעני, די כבוד פון די קאמפעני הייבט אויף אלע ארבעטערס.

דאס איז וואס דער 'מלאך' האט אויסגעלערנט פאר 'הגר', 'כאפ דיין ריכטיגע פלאץ' אלץ שפחה, וועסטו זיין א חלק פון אברהם אבינו'ס הויז, וועסט ווערן נתעלה מיט אברהם אבינו'ס הויז, 'והתעני תחת ידיה' מיינט האב הכנעה צו דיין פלאץ אלץ שפחה. אבער אויב די וועסט זיך נישט מכניע זיין, די וועסט אנטלויפן, דאן בלייבסטו א שפחה, און דיין שפלות וועט אויפגעדעקט ווערן, ווייל דאס איז דאך דיין מהות בעצם, און די וועסט נישט האבן די כבוד פון די שטוב פון אברהם צו צודעקן דיין שפלות.

## תחת עבד כי ימלוך

דער רמב"ן זאגט אז די פרשה איז א רמז לדורות אז די 'בני ישמעאל' זאלן זיין נכנע אונטער די 'בני ישראל'. דאס הייסט אז אזוי ווי 'הגר' האט געוואלט פארכאפן די זאך, און דער אייבישטער האט געהאלפן אז 'שרה' זאל צושטערן איר עצה, אזוי אויך 'לדורות' ווילן זיי ווילן פארכאפן צו שטיין העכער כלל ישראל ח"ו, און דער אייבישטער וועט נישט פארלאזן חס ושלום כלל ישראל, ער וועט געבן די כח פאר כלל ישראל זיך צוריק צוכאפן, און ער וועט שיקן זיין 'מלאך' צו שטעלן די 'בני ישמעאל' אין פלאץ.

נעקסטע וואך שטייט ווי 'ישמעאל' האט 'מצחק' געווען מיט יצחק. 'ישמעאל' האט געוואלט ממשיך זיין די טעות פון זיין מאמע, ארויסצוגיין פון 'שפחות', אבער 'שרה אמינו' האט זיך גלייך צוזאמגענומען די כוחות און פארטריבן 'ישמעאל', און אזוי איז ער געבליבן דער עבד און שפחה פאר אייביג, פאר אלע דורות, 'כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה', בקול רוח הקודש שבה. הער דיך צו צו די קול 'רוח הקודש' פאר אלע דורות, אז די 'בני ישמעאל' דארפן זיין 'נכנע' אונטער די 'בני ישראל', און אפילו אויב זיי ווילן זיך שטארקן ח"ו, איז דאס נאר במקרה, צום סוף וועט מען זיי מכניע זיין.

דער פסוק זאגט אין משלי (ל כב) 'תחת שלש רגזה הארץ וגו', תחת עבד כי ימלוך'. 'רגזה הארץ' די וועלט טרייסלט אויף, די קאפ ווערט צושפאלטן, ס'גייט נישט אין קאפ אריין, ווי קומט עס אז דער 'בן השפחה' - די בני ישמעאל, זאלן זיך הייבן די קעפ, די וועלט האלט עס נישט אויס, היתכן, דער 'בן השפחה' האט זיך צופידעלט די הענט, די שפלים ונבזים זאלן זיך דערהייבן, ס'איז נישט זייער פלאץ בכלל (עי' זוהר דפסוק זה קאי על ישמעאל בן השפחה).

## פרא אדם

דער 'מלאך' האט געזאגט פאר הגר "והוא יהיה פרא אדם, ידו בכל, ויד כל בו". ער וועט זיין א 'פרא אדם', א ווילדע מענטש, נישט קיין 'בן תרבית', ווי א בהמה וואס וואקסט אויף ווילד, אין די מדבריות און אין די וועלדער, א 'שור הבר' א 'חמור הבר', דאס זענען די 'בני ישמעאל', זיי האבן נישט די 'נימוסי בני אדם', און כל שכן די 'נימוסי מלכות'. (אין מדרש קריגען זיך ר"י און ר"ל וואס מיינט 'פרא אדם', ר"י זאגט אז זיי זענען נישט קיין 'בן ישוב', און ר"ל זאגט פשט אז יעדער קומט פאר ממון, און זיי קומען פאר נפשות ל"ע).

'ידו בכל ויד כל אדם בו', ער וועט פירן פיל מלחמות מיט די פעלקער (רמב"ן). ער וועט ארייינשטעקן זיין הענט צו יענעם, אבער צום סוף וועלן אלע ארייינשטעקן זייערע הענט צו אים, צום סוף וועלן אלע זיך צוזאם נעמען צו קער נעמען פון אים. ער איז א 'פרא אדם', א שווערע מענטש, א 'אדם חריף וקשה' (ספורנו), אבער אף על פי כן צום סוף וועט מען אים בייקומען.

די מציאות איז אז א צובראכענע מענטש, ער איז דער וואס רעגט זיך און שלאגט זיך מיט יעדעם. א מענטש וואס איז צופרידן מיט זיך, ער איז שטארק מיט זיך, דאן איז ער נישט פארנומען ארייינצושטעקן די הענט צו יענעם, אבער די 'בני ישמעאל' מרוב שוואכקייט פון זיין פראות'דיגע מצב, שטעקט ער אריין די הענט זיך צו רייבן מיט יעדם.

אזוי ווי 'קינדער' וואס 'מרוב קטנות' ווילדעווען זיי אסאך, זיי האבן נישט גענוג אייגענע עצמיות זיך צו האלטן מיט זיך, דאס זענען די 'בני ישמעאל', מרוב קטנות וואס פעלט זיי אין די אייגענע עצמיות, שטעקן זיי אריין די הענט צו יענעם, ידו בכל.

א 'כֶלב' ווען ער וויל וויזן שטארקייט, שרייט ער און בילד הויעך, וואס באמת ווייזט דאס אויף א שוואכקייט, ס'ווייזט אז ער מוז מאכן א מצב ארום זיך צו זיין שטארק. די זעלבע זאך א מענטש וואס מאכט אסאך נויז, מיינט דאס אז ער איז שוואך, ער האט נישט די עצמיות'דיגע פארמאכקייט און שטארקייט, ער מוז מאכן א מצב ארום זיך צו אויסקוקן שטארק.

## בן השפחה ובן הגבירה

ס'איז באקאנט די מעשה פון שלמה המלך מיט אשמדאי, ווי 'אשמדאי' האט פארווארפן שלמה המלך פון די מלוכה, און ס'איז דא א מחלוקת צו שלמה המלך איז יא צוריקגעקומען צו די מלוכה אדער נישט.

אבער דאס פארשטייט יעדער איינער אז דער 'מלך בעצם' איז 'שלמה המלך', צו ער האט יא צוריקגענומען די מלוכה צו נישט, אבער דאס איז איינמאל זוכער אז 'שלמה המלך' איז 'שלמה המלך', ער איז דער מלך בעצם, און 'אשמדאי' איז סתם א גנב און א 'רשע', איינער וואס האט במקרה פארכאפט די מלוכה מיט א ווילדקייט.

יצחק און ישמעאל, יצחק איז דער אמת'ער 'בן הגבורה', יצחק קען זיך האלטן שטארק און פעסט מיט זיין אמת, ער איז דער 'בן המלך בעצם'. דער 'בן השפחה' איז 'כולו בלאף', ער ווייסט טיף אינדערוויניג אז זיין מהות איז פארקערט ווי מלכות, זיין מהות איז 'פרא אדם', און דאס איז זיין גאנצע ווילדקייט, פשוט צו פארדעקן דעם אמת, ס'זאל זיך דאכטן אז ער האט עפעס א כח, אבער באמת איז זיין גאנצער כח נאר א עראַ'דיגע ווילדקייט. אנט די גמרא אין קידושין - דף מט - 'תשעה קבין זימה ירדה לעולם, ט' נטלו ערביים". דאס איז די מהות זייערע, נידריגקייט, פארקערט פון מלכות.

די פסוק זאגט אין פרשת וירא (כא ט) "ותרא שרה את בן הגר המצרית וגו' מצחק", וואס דאס מיינט רציחה, און די חז"ל זאגען אז 'ישמעאל האט זיך ארום געשפילט און געוואלט הרג'נען יצחק.

המשך בעמוד האחרון

## גבולות טבעיים

אין די פרשה שטייט, אז די 'גבולות' פון ארץ ישראל גייען פון די 'נילוס' ביזן 'פרת', "לזרעך נתתי את הארץ הזאת, מנהר מצרים, עד הנהר הגדול נהר פרת" (בראשית טו יח). וועט מען אריינגיין אין א שמועס וואס איז דאס א 'גבול' פון א מדינה, א טבעיות'דיגע גבול און א נישט טבעיות'דיגע גבול. אויך די כריתות ברית וואס איז דא ביים גבול, און אגב וועט ווערן נתבאר כמה זאכן פון די גבולות פון ארץ ישראל, און אויך פון די גבולות פון עזה.

ס'איז דא צוויי וועגען מציין צו זיין 'גבולות' פון לענדער, טבעיות'דיגע זאכן אזוי ווי בערג, טייכן, מדבריות, וועלדער, און דאס גלייכן, וואס טיילן אפ איין לאנד פונעם צווייטן. און ס'איז דא נישט טבעיות'דיגע, 'חומות', 'שטעכל דראטן', 'סיינס', 'פלעקס', 'מילטערישע זאנע', אדער אנדערע סימנים וואס מענטשן זענען קובע אפצוטיילן צווישן צוויי לענדער.

דוגמאות פון טבעיות'דיגע גרעניצן, ביי די גרעניץ צווישן אמעריקא און קנדה, איז דא די טייך 'סנט לורנס' וואס טיילט אפ צווישן זיי. צווישן 'ארץ ישראל' אין 'ירדן', איז דא די טייך 'ירדן' וואס טיילט אפ צווישן זיי. די טייך 'אורוגוואי' טיילט אפ צווישן 'ארגנטינה' און 'בראזיל'. די טייך 'הריו גרנדה' טיילט אפ צווישן 'אמעריקע' און 'מקסיקו'. די שנירלעך פון די 'פירינאים' בערג איז א גבול צווישן פריינקרייך און שפאניע. און די שנירלעך בערג פון 'ראש הנקרה', טיילן אפ צווישן 'ארץ ישראל' און 'לבנון'.

און ס'איז דא די גרעניצן וואס מענטשן מאכן, די אמאליגע גרעניצן, די לאנגע חומות ארום שטעט און לענדער, און די היינטיגע חומות, די חומות צווישן ארץ ישראל און פאליסטינע, צווישן אמעריקע און מעקסיקו, צווישן ארץ ישראל און מצרים, און אזוי נאך פיל פיל אזעלכע ענדליכע גרעניצן וואס מענטשן האבן געמאכט.

## גבולות טבעיים בתורה

אין די תורה הקדושה טרעפט מען זייער אסאך טביעות'דיגע גרעניצן, "ושתי את גבלך מים סוף ועד ים פלשתים, וממדבר עד הנהר" (פרשת משפטים, שמות כג לא), 'גבולות טבעיים' פון ימים. די תורה זאגט (דברים יא כד) "כל המקום אשר תדרך כף רגלכם בו לכם יהיה מן המדבר והלבנון מן הנהר נהר פרת ועד הים האחרון יהיה גבלכם", האסטו דא 1) מדבר 2) נהר און 3) ים.

אין פרשת חוקת (במדבר כא יג) שטייט "כי ארנון גבול מואב בין מואב ובין האמרי", די תורה איז קובע די טייך 'ארנון' פאר די גבול צווישן די צוויי ממלכות מואב און אמורי. אויך שטייט דארט (במדבר כא כד) "ויירש את ארצו מארנן עד יבק עד בני עמון", 'אמורי' איז געווען אויסגעליגט צווישן די צוויי טייכן, צווישן די טייך ארנון און די טייך 'יבק', און די יודן האבן גע'ירש'נט דעם אמורי ביזן 'יבק', ביז די גבול צווישן עמון און אמורי. אויך שטייט (דברים ג ח) "מיד שני מלכי האמורי אשר בעבר הירדן מנחל ארנן עד הר חרמון". וואס דאס איז אלץ 'גבולות טבעיים' וואס די תורה הקדושה איז מציין.

אויך ביי די גבולות פון ארץ ישראל אין פרשת מסעי איז דא אסאך טבעיות'דיגע גרעניצן, די פסוק זאגט (במדבר לד ב ג) "זאת הארץ אשר תפל לכם בנחלה, ארץ כנען לגבולתיה, והיה לכם פאת נגב ממדבר צין על ידי אדום, והיה לכם גבול נגב מקצה ים המלח קדמה וגו'". און ס'ווערט דארט אויסגערעכנט שטעט פאר 'גבולות', און אויך אסאך טבעיות'דיגע גבולות, ווי 'מקצה ים המלח', 'נחלה מצרים', 'ים הגדול', 'הר ההר', 'ים כנרת', 'הירדנה'.

## כריתות ברית בגבול

ווען מענטשן וואלטן געלעבט צושפרייט, וואלט מען נישט געדארפט קיינע גרעניצן, די עצם ווייטקייט פון איינעם צום צווייטן וואלט שוין געווען די גרעניץ, און אזוי איז טאקע געווען נאך די מבול ווען דער אייבישטער האט צושפרייט די 'שבעים אומות', יעדער איז זיך געגאנגען מאכן א לאנד פאר זיך. אבער שפעטער ווי נענטער די פעלקער זענען געקומען איינער צום אנדערן, האט דאס גורם געווען רייבערייען, און סאיז געווארן וויכטיג צו מאכן גבולות, 'גבולות' וואס האלטן איינעם אפגעריקט פונעם צווייטן.

און אזוי האבן צוויי פעלקער אפגעמאכט א 'נקודת גבול', און 'כורת ברית' געווען אז קיינער זאל נישט אריבער גיין דעם גבול. מ'האט אפגעמאכט א גרעניץ, א טבעיות'דיגע אדער א נישט טבעיות'דיגע, און מ'האט זיך אפגעמאכט אז דאס איז דער גבול, די זאלסט נישט אריבער גיין צו מיר אויף שלעכטס, און איך וועל נישט אריבער גיין צו דיר אויף שלעכטס.

ענדליך צו וואס אונז טרעפן ביי די 'גל אבנים' וואס יעקב און לבן האבן אויפגעשטעלט, ווי די פסוק זאגט (בראשית לא מד-נב) "ויאמר יעקב לאחיו לקטו אבנים, ויקחו אבנים, ויאמר לבן ליעקב עד הגל הזה, ועדה המצבה, אני לא אעבר אליך את הגל הזה, ואם אתה לא תעבר אלי את הגל הזה ואת המצבה הזאת לרעה".

וואס דאס איז געווען ענדליך צו א 'כריתות ברית' פון צוויי מדינות, דער 'גל אבנים' איז געווען כאילו א 'חומה' וואס זיי האבן אויפגעשטעלט אפצוטיילן צווישן זיי, די זאלסט נישט אריבער גיין דעם חומה צו מיר אויף שלעכטס, און איך וועל נישט אריבער גיין צו דיר. וואס דאס איז דער עומק פון א 'גבול' בכלל, אז ביידע צדדים זענען זיך מחייב זיך צו האלטן צו דער 'גבול' וואס טיילט אפ צווישן זיי.

'כריתות ברית' איז א לשון פון 'הפרדה', מ'צושנייד צווישן די צוויי, ווייל כדי צו מאכן א חיבור מוז קודם יעדער זיין א מציאות פאר זיך, יעדער באקומט די רעכטן צו זיין שטארק אין זיינע זאכן, יעצט אז יעדער האט זיינע רעכטן, יעצט קען מען פארלאנגען איינער פונעם צווייטן, אז די צוויי זייטן וועלן זיין גוט איינער מיט די אנדערע, און צומאל האט מען 'כורת ברית' געווען מיט א 'בעל חי' וואס מ'האט צושניטן, און מ'איז אדורך אינצווישן, צו ווייזן אז מ'איז נפרד, יעדער איז א מציאות פאר זיך, נאר מ'גייט דורך אינדערמיט זיך מחבר צו זיין. (כאילו מ'מאכט א חומה אפצוטיילן, מיט א טיר דורך צו גיין און צוריק מחבר זיין, די חיבור איז במדידה והגבלה).

ס'איז באקאנט אז די סדר פון 'כריתות ברית' איז, אז מ'נעמט א 'בעל חי' און מ'צושנייד עס אינדערמיט, און מ'גייט אדורך צווישן די צושניטענע שטיקלעך, וואס דאס איז א 'פועל דמיוני' אז די שניט אינדערמיט איז כאילו דער חומה צווישן זיי, דער שניט איז דער

**אבער דא איז עס נישט געווען ריכטיג, ווייל מיט 'חאמאס' האט מען קיינמאל קיין 'כריתות ברית' נישט געהאט, און ווי קען מען טראסטן א שונא וואס האט דעם ביקס קיינמאל נישט אראפגעלייגט, אויב דער שונא שטייט אלץ ביים 'נקודת הגבול' זיך צו רייבן מיטן צווייטן, האט דער צווייטער נישט קיין צוויי ברירות, און ער מוז אויך לעבן א גאנצע צייט 'על המשמר' ביים 'נקודת הגבול'**

המשך בעמוד הבא

# ענינים



'מפריד' צווישן זיי. מ'איז 'כורת ברית' אזביידע זאלן זיך האלטן צו דעם שניט וואס איז דא אינדערצווישן, קיינער זאל נישט קומען נענטער.

## סכסוכי גבול

די מציאות איז אז ביי די 'גבולים' איז דא גאר אסאך סכסוכים, ס'איז דא 80 לענדער אויף די וועלט וואס האבן סכסוכים ביי די גרעניצן (רייבערייען, נישט מלחמות), ביי די גרעניצן איז א פלאץ ווי יעדער וויל זיך ארויס שטעלן שטארק, יעדער וויל ווייזן פארן צווייטן זיין שטארקייט, כדי צו זיין פארזוכערט אז יענער וועט זיך נישט אריינרוקן צו אים. און כסדר פאלט מען אריין אין קאנפליקטן ביים נקודת הגבול, ס'איז דא תביעות פון דייטשלאנד אנטקעגען די גבולות פון פולין, תביעות פון די יאפאנעזער אנטקעגען רוסלאנד, תביעות צווישן הודו און פאקיסטן, צווישן מרוקו און אלג'יר, און אזוי ווייטער.

'גבולות' קענען אויסקוקן ווי א שטעכעדיגע זאך, יעדער שטעלט ארויס זיינע גבולות מיט א שטארקייט, אבער די אמת'ע גבולות איז א 'כריתות ברית', 'גבולות' איז נישט אריינצושטעכן אין יענעם, גבולות איז צו האלטן די אייגענע רעכטן, יעדער האלט זיך זיינע רעכטן אויף א געזונטע וועג, און אדרבא דאס ברענגט נאכעדם א גוטע קשר צווישן זיי ביידע, נאך א בעסערע קשר ווי פארן שטעלן גבולות.

אזוי ווי צווישן צוויי יחידים האט יעדער רעכט צו שטעלן גבולות, שטעלן 'באנדריס', א מאן און ווייב, צוויי שותפים, א בעל הבית מיט א ארבעטער, יעדער שטעלט אוועק זיינע גבולות, נישט בכוונה מגביל צו זיין דעם צווייטן, נאר זיך אפצוהוטן נישט צו ווערן צוטרעטן. די זעלבע זאך איז מיט א 'גבול' צווישן מדינות, מ'דארף עס נישט אנקוקן ווי מ'וויל יענעם מגביל זיין, נאר מ'וויל זיך אפהוטן. און אז ס'איז אויף א געזונטע וועג איז דוקא דאס וואס העלפט פאר א גוטע קשר, אז מ'איז רואיג מיט זיך, קען מען עפענען א גוטע קשר מיט יענעם.

צווישן יחידים איז די סדר אז מ'מאכט זוכער פון צייט צו צייט צו לייגען אביסל א דריק אויף צווייטן, יעדר וויל לאזען הערן די שטארקייט פון זיין גבול, יעדר וויל מאכן זוכער אז זיין גבול בלייבט שטארק. די זעלבע איז צווישן צוויי מדינות, כסדר רייבט מען זיך אביסל און מ'שטעלט זיך ארויס שטארק, פשוט צו ווייזען די שטארקייט פונעם גבול, צו מאכן זוכער אז דער גבול שטייט שטארק.

צווישן יחידים דארף מען טראסטן איינער דעם צווייטן, אויב לעבט מען א גאנצע צייט ביים 'נקודת הגבול', ביים פלאץ ווי מ'האט סכסוכים און מיינאנגס פארשידענהייטן, דאן האט מען נישט קיין רואיגע לעבן. די זעלבע זאך ביי מדינות, בעיקר דארף מען לעבן אינדערמיט, במקום החיים, נאר פון דערזייט דארף מען האבן א וואכזאם אויג צום נקודת הגבול.

די מהלך אין ארץ ישראל די לעצטע תקופה פאר די שרעקליכע טראגעדיע, איז געווען צו לעבן מיט זיך, וואס דארף מען טראכטן פונעם שונא. איז אין אלגעמיין איז דאס ריכטיג, ווייל ווי געשמועסט איז געזונט צו טראסטן יענעם אביסל, מ'מוז נישט זיין פארנומען א גאנצע צייט זיך צו רייבן ביים 'נקודת הגבול'.

אבער דא איז עס נישט געווען ריכטיג, ווייל מיט 'חאמאס' האט מען קיינמאל קיין 'כריתות ברית' נישט געהאט, און ווי קען מען טראסטן א שונא וואס האט דעם ביקס קיינמאל נישט אראפגעלייגט, אויב דער שונא שטייט אלץ ביים 'נקודת הגבול' זיך צו רייבן מיטן צווייטן, האט דער צווייטער נישט קיין צוויי ברירות, און ער מוז אויך לעבן א גאנצע צייט 'על המשמר' ביים 'נקודת הגבול'. (והלינקע חברה דומים למי שרודף אחר חבירו לעשות עמו קשר, וחבירו אינו רוצה בשום אופן, והוא ממשיך לרדוף ולבקש קשר, דכשוטה יחשב, והבן).

אז מ'רעדט פון 'גבול' איז דא נאך אסאך ענינים, די כח הגבול פונעם נפש, ווי די נפש קען זיך פארמאכן גאר שטארק זיך צו באשוצן. אויך די 'כח הגבול' פון די גוף, וואס דאס איז א פלא'דיגע כח פון די 'מיאָן סיסטעם', וואס דאס איז א מורא'דיגע פאיערפעל כח, א מעכטיגע חומה, וואס דער גוף פירט אָן אנטקעגען אלע ווירעסען. און אזוי איז דא נאך פיל ענינים אין די ענין פון 'גבול', ועוד חזון למועד.

# פרשה



יצחק האט געלעבט רואיג מיט ישמעאל, יצחק נישט קיינע פראבלעם, ער איז ממילא דער 'בן הגבירה', ער איז ממילא דער 'בן מלך בעצם'. 'ישמעאל' ער איז דער וואס איז נישט רואיג, ער ווייסט זיין שוואכקייט אלץ דער 'בן השפחה', ער פראבירט צו טון וואס ער קען צו פארדעקן זיין שוואכקייט. (און ווען שרה האט דאס געזען, האט זי פארשטאנען אז דאס קען קאסטן פאר יצחק א פרייז, און זי האט אים פארשיקט פון דארט).

### ◆ בארבארים

אין עבודה זרה (כו ע"א) איז דא א סוגיא פון מינין און גויים צו 'מעלין ומורידין'. שטייט דארט אז די גויים איז 'לא מעלין ולא מורידין', מ'טאר זיי נישט הארגענען, אבער מ'דארף זיין נישט העלפן, און דער מאירי זאגט אז די היינטיגע גוים זענען בעסער, די היינטיגע זענען מער מענטשלעך און מ'דארף זיי יא ארויסהעלפן און מעלה זיין (עי' תשובת הרדב"ז ובערוך השלחן).

דאס הייסט אז די אמאליגע 'אומות העולם', די עובדי עבודה זרה, זיי זענען געווען נידריגע מענטשן, וואס מ'רופט 'בארבארים', נישט קיין 'בני תרבות', אבער היינטיגע צייטן האבן די 'אומות' זיך עטוואס אויסגעמענטשעלט (נאורים), און מ'דארף זיי יא מעלה זיין און העלפן.

אבער פארשטייט זיך אז דאס פאסט זיך בכלל נישט אויף די 'בני ישמעאל', די 'בני ישמעאל' זענען נאך געבליבן מיט זייער אלטע בארבארישקייט, מיט זייער אלטע 'טרודישינעל' רציחות און נידריגקייט, דער אייבישטער כביכול האט שוין געזאגט אז זיי וועלן זיין 'פראי אדם', דאס איז די מהות זייערע, און אפילו זיי זאלן וועלן קענען זיי עס נישט טוישן, ס'איז א גזירת עליון אויף זיי. (שפלות ובארבארעס שלהם היא בין ברציחה ובין בעריות, עי' רש"י על בן הגר המצרית מצחק, ועי' בקידושין מט ט' קבין זימה ירדה לעולם, ט' נטלו ערביים).

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424